# רבי אביגדור ענטפערט...



שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות, און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

פ' וישב
תשפ"ב לפ"ק
גליון קצ"ח

**פראגע**

## פארוואס באהאלט זיך דער אויבערשטער?

### ענטפער:

ווייל אז נישט וואלט זיך נישט געלוינט צו לעבן. אויב דער אויבערשטער וואלט ארויסגעקומען אין די עפנטליכקייט און געוויזן זיין אנוועזנהייט, וואלטן אלע פעלקער געווארן געטרייע עובדי ה'. יעדער איינער וואלט געווארן גוט און פרום, און עס וואלט זיך נישט געלוינט צו לעבן אויף דער וועלט. ווייל אויב מען זעט אפן השי"ת, ווער וועט זיין אזא משוגענער און נישט פאלגן?

לאמיר זאגן עס שטייט א פאליציי-מאן מיט א גאן געריכטעט אויף דיר, און דער פאליציי-מאן זאגט "הענט ארויף, אז נישט וועל איך שיסן!" וואו וועט דיינע הענט זיין, אין טאשן?... דערפאר, אויב דער אויבערשטער וואלט זיך באוויזן, וואלט זיך דען געקומען עפעס שכר פאר'ן פאלגן? און אויב עס קומט זיך נישט קיין שכר פאר'ן בוחר זיין בטוב, עס איז נישטא קיין בחירה, וואס איז דער תכלית פון לעבן?

אין עולם הבא, ווען אלעס וועט זיין פארטיג און ס'וועט נישט זיין מער קיין בחירה חפשית, דאן וועט זיך דער אויבערשטער באווייזן מיט זיין גאנצן כבוד, און ס'וועט זיין "צדיקים יושבים ועטרותיהם בראשיהם ונהנים מזיו השכינה" (ברכות, יז, א) – די צדיקים וועלן קוקן אויף די שיינקייט פון די שכינה און דאס וועט זיין זייער גליקליכקייט, אבער אויף דער וועלט וואלט עס געווען די ערגסטע זאך צו זען דעם אויבערשטן אפן.

אונזער ארבעט איז אים צו אנטדעקן אין די פלעצער וואו ער איז באהאלטן.

**פראגע**

## פארוואס זאגט איר אז זיך אפרעדן צו אנדערע מענטשן מאכט נאר זאכן ערגער, שטייט דען נישט "דאגה בלב איש ישיחנה לאחרים" – אז אויב א מענטש האט א דאגה זאל ער זיך אויסרעדן צו אנדערע?

### ענטפער:

ס'איז דא א גרויסע חילוק צווישן זיך **אפרעדן** און **רעדן** צו אנדערע מענטשן. אויב מען רעדט זיך אפ, סך הכל וואס מען טוט אויף איז מען לייגט ארויף א לאסט אויף יענעם מענטש. דו זאגסט אים "איך האב געהאט א שווערן טאג היינט, ס'איז געווען פארוואלקנט, ס'האט גערעגנט..." דו מאכסט יעצט אז יענער מענטש זאל אויך ווערן אנידערגעשלאגן; דו מאכסט אים דעפרעסט.

אבער אויב איז דא עפעס א **פראבלעם** וואס דרוקט דיר – נישט קיין אפרעדעניש, נישט סתם זיך אפרעדן אז מען איז נישט צופרידן, נאר א פאקטישע פראבלעם – און דו שמועסט אויס דעם פראבלעם מיט א צווייטן, דעמאלטס קען אפשר דער מענטש דיר געבן אן **עצה** וויאזוי גרינגערהייט צו לעזן אדער פארמיידן דעם פראבלעם. דאס איז וואס דער פסוק מיינט.

דער אמת איז אז אפילו ווען מען רעדט זיך סתם אפ צו עמיצען קען אמאל זיין א מציאות אז ער זאל דיר ווייזן וויאזוי מען קען אנקוקן די זאך אנדערש און טוישן די מחשבות צו פאזיטיוו, און דו וועסט אויפהערן זיך אפצורעדן, אבער דער מאמר פון "דאגה בלב איש" מיינט נישט דאס; עס רעדט פון א פראבלעם וואס מען האט.

פאר הערות שיקט אן אימעיל צו RebAvigdorAnswers@gmail.com

עס איז דא נאך א ווייכטיגע נקודה: אסאך מענטשן דרייען זיך ארום **אנגעלאדנט** מיט פראבלעמען, וואס באמת איז עס גארנישט. זיי מאכן בערג פון קליינע ברעקלעך. דא האט איר אזא פראבלעם למשל: "מיין שוויגער האט דאס געזאגט צו מיר" – און די שנור קאכט יעצט, זי וויל ממש ממית'ן איר שוויגער, זי קען זיך נישט בארואיגן. אבער אייגנטליך איז עס גארנישט מיט נישט. די שוויגער האט נישט געטראכט וואס זי רעדט, זי האט סיי–ווי נישט קיין שכל, זי האט נישט געטראכט וואס זי זאגט און א מינוט שפעטער האט זי שוין פארגעסן וואס זי האט בכלל געזאגט... אבער די שנור האט אויך נישט קיין שכל, און זי קאכט יעצט מיט כעס און ס'מאכט חרוב איר לעבן. אסאך מענטשן זענען אזוי.

יעצט קען זי גיין צו איינעם און זיך אויסרעדן, וואס קען איך טון מיט מיין שוויגער? א גרויסע פראבלעם. דער קלוגער מענטש וועט איר זאגן, וואס האט דיין שוויגער דיר געטון? האט זי געזאגט פאר איר זון זאל דיר גט'ן?... ניין! נאר וואס האט זי געזאגט? זי האט געזאגט עפעס וועגן מיין קאכן... איז וואס?

"ישיחנה", דורכ'ן רעדן צו א קלוגער מענטש, קען דיר יענער מענטש ווייזן א **פערספעקטיוו**, און דיר ציינגן אז ס'איז גארנישט. אדער איז דא אנדערע וועגן פון געבן אן עצה. אויב דיין שוויגער רופט אויפ'ן טעלעפאן און רעדט זיך אפ אירע פראבלעמען, און זי מאכט דיר שווער דאס לעבן, קען מען דיר עצה'נען זיכער צו מאכן אז די טרייבל איז אלעמאל אראפגענומען און זי באקומט א "ביזי סיגנאל"... סיי–וויאזוי, קען דיר דער מענטש געבן אן עצה.

**פראגע**

**אויב א מענטש האט געארבעט אויף א מדה – ער האט געלערנט ספרים, געהערט שיעורים, אבער נאך אלץ ווען עס קומט א נסיון קען ער זיך נישט קאנטראלירן און ער פאלט דורך צו די שלעכטע מדה ווי למשל כעס אדער תאוה, וכדומה. וואס וואלט דער רב גע'עצה'ט?**

**ענטפער:**

וואס טוט א דאקטער וואס האט פארשריבן א מעדיצין פאר איינעם, און דער פאציענט רופט אים אן און זאגט, "דאקטער! עס העלפט נישט. איך לייד נאך אלץ פון די מחלה!?" דער דאקטער זאגט "העכער די דאזע!"

אפשר לערנט איר נישט **גענוג** מוסר; אפשר לערנט איר נישט גענוג אויף די נושא וואס עס פעלט אייך. העכערט די דאזע און עס איז נישט קיין פראגע אז עס גייט העלפן.

אסאך מאל מאכט זיך אז עס קומען אונטער מצבים וואס שטעלט די מדה אין א גרעסערע נסיון, אין אזא פאל – זיי פרייליך! עס איז א מתנה פאר אייך. ס'איז א נייע געלעגנהייט זיך צו פארבעסערן.




אפטמאל הערט מען פלוצלונג אז עמיצער בארעדט אייך. "וואס האט ער קעגן מיר?! איך האב אים קיינמאל גארנישט געטון! פארוואס בארעדט ער מיר?!"

פארלירט אייך נישט! ס'איז א גלאררייכע געלעגנהייט. ס'איז א מתנה מן השמים. "ד' אלקיכם מנסה אתכם" – דער אויבערשטער פראוווט אייך. האלט אייך רואיג. ווערט נישט אין כעס. רעדט נישט קעגן אים. און איר זענט דער געווינער; ער איז דער פארלירער.

אויב ער האט גערעדט קעגן אייך, זאגט דער חובת הלבבות אז ער גיבט אייך אוועק אלע זיינע מצוות. ער גיבט אייך אוועק אלע זיינע מצוות! זענט איר נישט פרייליך? ער האט געלייגט תפילין, ער האט געגעסן מצה, און אלעס איז אייערס! אבער אויב ווערט איר איבערגענומען און ברוגז דעמאלטס זענט איר די פארלירער.

און דעריבער, אין פאל א מענטש שפירט אז טראץ זיין עבודה האט ער נאכנישט דערגרייכט דעם פסגת השלימות, דער שפיץ פון שלימות, זאל ער העכערן די דאזע.

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
.Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

בס"ד

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
# וועכענטליך אויף אימעיל










$1
א וואך
$3 מועדים

בריליאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק










צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8Ozcjl4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

**כל טוב**